צו טראָגן מײַן נאָמען פֿאַר די אומות און מלכים
16 און קינדער ישראל; וואָרום איך וועל אים ווײַזן
17 וואָס ער וועט מוזן לײַדן צוליב מײַן נאָמען. און
חנניה איז אַוועק, און אַרײַנגעגאַנגען אין דעם
הויז, האָט אַרויפֿגעלייגט די הענט אויף אים
און געזאָגט: ברודער שאול, דער האַר האָט
מיך געשיקט, ישוע, וואָס האָט זיך צו דיר
באַוויזן אויפֿן וועג, אויף וועלכן דו ביסט געפֿאָרן,
כּדי דו זאָלסט ווידער זעען און פֿול ווערן
18 מיט דעם רוח הקודש. און גלײַך זענען אַראָפּ־
געפֿאַלן פֿון זײַנע אויגן עפּעס ווי שופּן, און ער
19 האָט ווידער געזען, און איז אויפֿגעשטאַנען און
זיך געלאָזט טובֿל־זײַן; און האָט גענומען שפּײַז
און זיך געשטאַרקט.

און ער איז געווען אייניקע טעג מיט די תּלמידים
20 אין דמשק. און האָט גלײַך אויסגערופֿן אין די
21 שולן, אַז ישוע איז דער בן אלקים. און אַלע,
וואָס האָבן (אים) געהערט, זענען דערשטוינט
געוואָרן, און האָבן געזאָגט: צי איז ער דען נישט דער
דאָזיקער, וואָס פֿלעגט פֿאַרטיליקן אין ירושלים
די, וועלכע האָבן אָנגערופֿן דעם דאָזיקן נאָמען? און
איז אַהערגעקומען פֿאַר דעם זעלביקן צוועק, כּדי
זיי אַוועקצופֿירן אין קייטן צו די הויפּטכּהנים?
22 שאול אָבער האָט זיך נאָך מער געשטאַרקט, און
האָט צומישט די ייִדן, וועלכע האָבן געוווינט אין
דמשק, אויפֿווײַזנדיק, אַז דער דאָזיקער איז דער
משיח.

23 און ווען עס זענען פֿאַרבײַ אַ סך טעג, האָבן די
24 ייִדן זיך באַראָטן אים אומצוברענגען; נאָר זייער
פֿאַרשווערונג איז באַקאַנט געוואָרן צו שאולן. און
זיי האָבן אַפֿילו באַוואַכט די טויערן בײַטאָג און